וואָרען די געאָגראַפישע גרעניצען פון זיין קרייז-קאָנטור. כתריאל איז טיילמאָל געבליבען אָהן ראט, נישט-וויסענדיג, וואו ס'וואוינט איצט אַ אָנהענגער פון דער חברה ,,תלמוד-תורה" און וואו אַ געגנער. דאָס וואָלט שוין נישט געשאַדט; אַ יוד איז — אַ יוד, סיי ר'איז אַ חבר פון דער חברה און סיי נישט און פאַסירט אַמאָל, ער וועקט אויף איינעם, וואָס איז נישט קיין פריינד פון דער חברה און יענער בייזערט זיך אויף איהם פאַר'ן שטערען דעם נאַכט-שלאָף, בעשיטענדיג איהם מיט זידעל-ווערטער, איז וואָס? אדרבא, אַזוי-אַרום איז די מצוה פון זיין אַרבייט נאָך גרעסער און דאַן איז אויך גרעסער זיין שכר. עס איז אָבער אַמאָל געשעהען אַזאַ פאַל, וואָס האָט איהם גערירט ביז גאָר און געפיהרט צו טיפער פערטראַכטונג.

יונה, דער פלייסיגסטער מיטגליד פון דער חברה „תלמוד-תורה", האָט זיך צום ערשטען טאָג פון חודש חשון אַרויסגעצויגען פון זיין וואוינונג, וואו עס האָט זיך דאַן בעזעצט דער נישט-יודישער שטייער-מאָהנער איוואַן, וואָס איז אָנגעגאַנגען אַלס רויהער מענש און פערביסענער יודען-פיינד, און כתריאל האָט פון דעם אַלעם נישט געוואוסט.

„ישראל עם קדושים". רופט-אויס כתריאל מיט אַ זינגענד-בעטענדע שטימע בּיים פענסטער פונ'ם שלאָפענדען שטייער-מאָהנער, עס בעוועגט זיך דאָרט גאָרנישט. כתריאל רופט העכער, מעהר שטרענג-בעפעהלערישער, מען הערט ווייטער גאָרנישט. כתריאל קלאַפּט אָהן אין לאָדען, אָבער אין דער וואוינונג איז ווייטער טויט און שטיל: דאַן ווערט שוין כתריאל אַביסעל בייז און שרייט אַריין:

יונה! דו ביסט שוין אויך געוואָרען אַ פעפער און ליידיגגעהער. וואָס איז מיט דיר? זיי דאַרט לערנען שוין, און דו ווערסט הלייבען ליגען פויל אין בעט.

דאָס דאָזיגע האָט געווירקט. צום ערשטען הערט ער דאָס בילען פון אַ הונד און נאַכהער, ווי שווערע טריט דערנעהנטערען זיך צו איהם. אָבער דאַן דערזעהט ער, צו זיין גרויסן שרעק, דעם אומגליקליכען טעות, וואָס ר'האָט געהאַט, ס'איז שוין אָבער שפעט. ער ווערט גלייך, אונטער אַ האָגעל פון דראָהונג און קללות אָנגעחאַפּט ביים האַרץ, בעקומט שווערע קלעפּ איבער'ן קאָפּ און געשטויסען מיט די פיס אין די זייטען. עס הויבּט איהם אָהן שווינדלען פאַר די אויגען, ער פאַלט אַ האַלב-בעוואוסטלאָזער צו דער ערד אויפ'ן שניי. ערשט דאַן ווערט דער ווילדער כעס פונ'ם רויהען איוואַן געשטילט, איבערלאָזענדיג איהם ליגען אויף דער ערד.

אַ געוויסע צייט ליגט אַזוי כתריאל הילפלאָז און אָהן מאַכט. דער פרישער שניי בעריהרט זיינע שלייפען און ער קומט איינציגווייז צום בעוואוסטזיין. ער איז געווען מיט קויט און בלאָטע בעדעקט און ציטערט אַ גאַנצען פאַר וועהטאָג און קעלט: אין אַזאַ מצב דערשלעפּט ער זיך פאַמעליך צום בית-המדרש און ווי נור ער דערזעהט פון דערווייטענס די ליכטיגקייט, וואָס שיינט אַרויס פון די בית-המדרש-פענסטער, ווי זי גריסט צו איהם אַזוי פריינדליך און רופט איהם צו זיך, ווערט איהם היימליכער און פרעהליכער אויפ'ן האַרץ. ער שאָקעלט פון זיך אַראָפּ דעם שניי פון די מלבושים און געהט אַריין אין וואַרימען העל-בעלויכטענעם בית-המדרש.

בּיים לאַנגען טיש זיצען זיי, די אַלע, וואָס ער האָט אויפגעוועקט און לערנען, אַזוי פלייסיג, מיט אַזאַ צופרידענהייט און אַזוי גליקליך; די דאָזיגע וואַרימע אַטמאָספערע פון די לערנער נעהמט איהם אויך אַרום, ער, דער האַלב-פערשטאַרטער שוהל-רופער ווערט בעגייסטערט און איבערגליקליך.

עס ווערט איהם זעהר גוט אויפ'ן געמיט און די שמערצען ווערען בּיי איהם לייכטער, ער הויבּט-אויף זיינע גליקליך-שטראַהלענדע אויגען צו ג—ט און רופט איהם האַרציג און

יחיאל פיינער

# סאַטירע

פון מיין בוך עסייען

קרומשפיגעלדיגער און גרינגגאַליגער אויסלאַך.

אַ שפיציג, פעררוסטעטער טשוואָק אין די גילגולים פון דיכטערישער ענטפלעקונג.

אַ ווילד-צעפלאַטערטער אויסגוס פון האַרץ-צערייסענדיגען ליריזם אויף דער פאָהן פון אייביג פערניכטענדיגער אומקום און בר-מינן-שמייכעל.

אפשר.

אפשר אַז צוויי אויגען ווערען משוגע-גרויס, קיילעכדיג צעצינדען מיט פייערען פון גרינער קעניג-ליר-נאַכט; און אַז ס'פערשאַרצען זיך גאַליגע ליפען, ווי פעטליע-שנירען אַרום אַנ'אויסגעדרייט, ברייט-צועפענט תליון-מויל און ס'בייסט זיך איין אַ קרומער ווינקעל-צאָן מיט גיפטיגען ברום אין גלאַטען לייב פון דאָרפישען אָדער גרויס-שטאָדטישען בייכעלדיגער מענשען-געפויזעריי. -

הייסט דאָס: סאַדיזם.

און אַז אַ קרעציגער בעטלער וואָס פוילט אויף דער ערד לעבען די מויערען פון פערשיעדענע געבעט-הייזער און אַז מיט'ן נאַכט-אָנקום ציהט ער צוריק זיין ליידיגע האַנד מיט אַ פערשאָלטענעם שפיי און ס'דרייט זיין פיסק זיך אויס און בייסט-איין מיט אַ בּרומענדיגע קללה פון הונגער און משוגעת — אין זיין סענקעוואָטען שטעקען, און ער שלעפּט זיך אין הינטישער איינזאַמקייט ערגעץ בּיי אַ פּלויט, און אַז ס'קעהרט איהם דער הונגער זיינע קישקעס קאַפּויר, רייסט ער אַ שטיק געוואַנד פון זיין צולאָטעטער הלבשה אַראָב, גיט די נאַכט זיך אַ יאָג מיט אַ ווינט און ענטבלויזט אַ שטיק מענשליך לייב. -

ווערען צוויי אויגען גרויס און שפּיציג, אויף דער קאַנווע פון נאַכט ענטפלעקט זיך די שטאָדט געשנירעלט מיט גרינע גאַז-לאַמטערנעס, ערגעץ אַ מויער שטייט לאָם, בּויגט זיך צום אומפאַל און וועט זיכער צעשינדען אויף טויט אַ מוטער מיט איהר קינד, וואָס האָבען שפּאַצירט פערבּיי, און ס'בּייגט זיך אַ שרפה און פונדערווייטענס שטייט נאָך אַלץ אַ קרעציגער בּעטלער, ענטפלעקט זיינע צעפוילטע ציינער, שטעקט אַרויס אַ לאַנגע צונג, און אַז ער בּלייבּט אַזוי הענגען אין דער לופטען מיט אַ קרומען שמייכעל; און אַז די נאַכט וויגט-איין אין איהר שויס אַ מענשליכע נבלה מיט אַ ווינטיגען ניגון, ווי אַ מוטער איהר קינד פאַר'ן איינשלאָפען און קרומשפיגעלט אַליין אַ קרעציגען שמייכעל — הייסט דאָס: ס אַ ט י ר ע.

גאַל און גיפטיגער ליריזם אויף דער פאָהן פון נאַכטישער אומקום און קרעציגער שמייכעל. —

ס אַ ט י ר ע.

---

פייערליך:

זעה, רבונו של עולם, וואָסער פאָלק דו פערמאָגסט און ווי גרויס ס'איז דער אונטערשייד פון דיין פאָלק צו אַנדערע, וואָס האָבען מיך געשלאָגען, געשטויסען און געטרעטען, ווייל איך האָב זיי איין מינוט דעם שלאָף געשטערט, אָבער ד י י ן פאָלק, די, וואָס זענען דאָ, זיי זענען יאָ אָהערגעקומען. האָבען מיך געפאָלגט און דאַנקען מיר דערפאַר וואָס איך וועק זיי אויף פון שלאָף און דערמאָהן זיי אָן זייערע פליכטען צום בורא עולם, זעה נור, ווי זיי אַלע זענען דאָ פערזאַמעלט און ווי צופרידען און גליקליך זיי אַלע זענען. אַזוי רבונו של עולם, אַזוי זענען ז י י און אַזוי זענען מ י ר.

פריי איבערזעצט: מ. אלמער